# ברכת כ"ק אדמו"ר שליט"א
# לאנ"ש שיחיו שברכו אותו, י"א ניסן ה'תשמ"ז,
## לאחרי תפלת ערבית

א. דער* אויבערשטער זאָל ממלא זיין משאלות לבבם לטובה של כל אחד ואחת מישראל בכלל, און אלו הנמצאים כאן במיוחד.

ובפרט אַז מ'האָט אויף דעם אַ כח מיוחד פון דעם זמן שגרמא:

מ'שטייט אין חודש ניסן, וואָס „ניסן" האָט צוויי נוני"ן, וואָס דאָס באַדייט אַז „נסי נסים נעשו לו"[1].

און אין חודש ניסן עצמו — „ביום עשתי עשר יום", וואָס דעמולט איז דער „נשיא לבני אשר"[2]. וואָס זיין ענין איז — „הוא יתן מעדני מלך"[3], דער ענין פון תענוג[4] און אַזאַ דרגא אין תענוג וואָס ווערט אָנגערופן „מעדני מלך" — תענוג פון אַ מלך: אַ מלך איז בכלל רגיל אין אַלע ענינים טובים. איז פאַרשטאַנדיק אַז „מעדני מלך" מיינט אַ תענוג וואָס איז (ניט נאָר מערער פאַר מילוי החסרון[5], נאָר) אַ תענוג וואָס איז מערער און בהוספה אפילו אויף הרחבה און שלימות הטוב אין וועלכע אַ מלך איז רגיל.

ב. ויש לקשר זה (דעם ענין פון חודש ניסן בכלל, „נסי נסים", און „ביום עשתי עשר יום נשיא לבני אשר") מיט חג הפסח — דער תוכן כללי ונקודה עיקרית פון גאַנץ חודש ניסן:

דער קרבן פסח[6] (און בזמן הזה — דעם אפיקומן[7] וואָס איז אַ זכר לפסח) האָט מען געגעסן „בסוף כל הסעודה כדי שיהי' נאכל על השובע, דהיינו שהפסח יהא גמר כל השביעה כדי שיהיו נהנין באכילתו . . דרך חשיבות וגדולה . . כדרך שהמלכים והגדולים אוכלים"[8].

---

*) לפני שהתחיל הברכה — אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א לאנ"ש שברכו אותו: אין אייער ברכה איז זיכער אויך נכלל דער ענין שהזמן גרמא (שטייענדיק בתוך די שלשים יום לפני החג ווען עס הויבן זיך אָן די הכנות צו פסח) — דער וואונטש אויף אַ חג הפסח כשר ושמח. המו"ל.

1) ראה ברכות נז, רע"א ובפרש"י. חדא"ג מהרש"א שם. וראה מדרש לקח טוב עה"פ החודש הזה לכם (בא יב, ב): ניסן שבו נעשו נסים לישראל.

2) נשא ז, עב.

3) ויחי מט, כ.

4) כמרומז גם בשמו אשר — מלשון אושר ותענוג (ראה אוה"ת ויחי עה"פ (שפד, ב ואילך). לקוטי לוי"צ אגרות ע' שכה. תיט).

5) כמו „אתה מחוייב לעשרו" (ראה כתובות סז, ב) שהוא למעלה מ„די מחסורו" (ראה טו, ח. כתובות שם).

6) פסחים ע, ב. טושו"ע ודאדה"ז או"ח ר"ס תעז. וברמב"ם הל' קרבן פסח פ"ח ה"ג: מצוה מן המובחר.

7) טושו"ע ודאדה"ז שם.

8) שו"ע אדה"ז שם.

ד. ה. אַז אויך פאַר אכילת קרבן פסח האָט מען „שובע", און דער פסח איז מוסיף אין דעם נאָכמער הנאה ותענוג — „מעדני מלך", „כדרך שהמלכים כו' אוכלים".

ג. אין דעם קומט צו נאָך אַ נקודה, און אַ חידוש:

באַם אָנהויבס סדר של פסח איז מען מכריז: „כל דכפין ייתי וייכול כל דצריך ייתי ויפסח", און מ'איז מסיים אַז אַלע אידן ווערן „בני חורין".

און לפני זה (אָנהויבנדיק פון שלשים יום קודם החג[9]) — גיט מען די עניי העיר ובכלל „מעות חטים".

דאָס הייסט[10], אַז נוסף לזה וואָס מ'דאַרף אַליין עסן דעם פסח „על השובע" („מעדני מלך"), דאַרף מען דאָס אויך געבן צו „כל דצריך". מ'דאַרף אים געבן ניט נאָר „די מחסורו" („כל דכפין ייתי וייכול"), נאָר אויך „ייתי ויפסח", דעם פסח וואָס „נאכל על השובע", „כדרך שהמלכים אוכלים", „מעדני מלך" — ביז אַז מ'מאַכט פון אים אַ „בן חורין" אמיתי.

און דער טעם אויף דעם איז בפשטות — ווייל יעדער איד איז אַ בן מלך[11], און בנו יחידו של מלך[12], מלך מלכי המלכים הקב"ה.

ד. ועפ"ז יש לקשר זה מיט דעם קאַפיטל (מזמור) תהלים[13] וואָס כמה הויבן אָן זאָגן[14] בעשתי עשר יום דחודש ניסן בשנה זו:

דער קאַפיטל הויבט זיך אָן מיט „עני ואביון אני"[15], און דערנאָך איז מען ממשיך[16] „שמח נפש עבדך".

ויש לומר אַז דאָס זיינען די צוויי קצוות הנ"ל: מ'הויבט אָן דעם סדר מיט „כל דכפין כו' כל דצריך כו'" — „עני ואביון"; און מ'גיט זיי דעם פסח שנאכל על השובע, „מעדני מלך" — „שמח נפש עבדך", דער ענין פון שמחה וואָס איז נאָכמער פון מילוי החסרון בכלל, און נאָכמער אפילו פון תענוג בכלל, וואָרום שמחה איז פורץ כל הגדרים[17].

---

9) ראה רמ"א או"ח ר"ס תכט. שו"ע אדה"ז שם ס"ה.

10) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 958 ואילך.

11) כמחז"ל (שבת סז, א. וש"נ. זח"א כז, ב. ועוד) כל ישראל בני מלכים הם. ויתירה מזה — כל ישראל מלכים הם (תקו"ז בהקדמה (א, ב). וראה ברכות ט, ב. שבת נט, ב. ועוד).

12) ראה כש"ט (הוצאת קה"ת) הוספות סקל"ג (וש"נ): יעדער איד איז טייער באַ דעם אויבערשטן ווי אַ יחיד וואָס איז געבאָרן ביי עלטערן לעת זקנותם, און נאָך טייערער.

13) פו.

14) ע"פ המנהג לומר בכל יום הקאַפיטל תהלים המתאים לשנות חייו — מכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר בקובץ מכתבים שבסו"ס תהלים אהל יוסף יצחק ע' 214. אגרות קודש שלו ח"א ע' לא. ח"י ע' נג. וראה גם מאמרי אדה"ז הקצרים ע' שמא.

15) פסוק א.

16) שם, ג.

17) ראה המשך שמח תשמח תרנ"ז (סה"מ תרנ"ז ע' רכג ואילך). ובכ"מ.

ה. און אין דעם גופא — קומט צו נאָכמער הדגשה בשעת מ'שטייט גלייך נאָך תפלת ערבית, ווען עס הויבט זיך אָן (ע"פ תורה ושו"ע)[18] דער מעת־לעת פון „עשתי עשר יום" בחודש ניסן:

תפלת ערבית איז „רשות"[19]. ומבואר בחסידות[20], אַז דאָס איז אַ העכערע המשכה פאַר די המשכה וואָס קומט דורך „חובה". ד.ה. אין עבודת האדם — ניט נאָר אַ המשכה פון „די מחסורו" (חובה), נאָר אַ המשכה פון „לעשרו" (רשות).

ויש לומר אַז דאָס איז איינער פון די טעמים פאַרוואָס דוקא יעקב תיקן תפלת ערבית[21] — ווייל „נחלת יעקב" איז „נחלה[22] בלי מצרים"[23].

ולהוסיף, אַז אין יעקב זיינען אויך דאָ די צוויי קצוות: „יעקב" איז אותיות יו"ד עקב[24]. וואָס עקב (דער חלק הכי תחתון בגוף[25]) גייט אויף דער דרגא פון „עני ואביון". און אין בחי' עקב („עני ואביון") ווערט נמשך דער יו"ד, מלמעלה מעלה (ווי דער צ"צ איז עס מבאר[26]) — ע"ד „שמח נפש עבדך", פריצת גדר (נחלה בלי מצרים), וואָס ווערט נמשך אויך צו דעם „עני ואביון".

ביז אַז נשמת יעקב („ישראל סבא") „כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם", כמבואר באגה"ק פון דעם אַלטן רבי'ן[27].

ו. וואָס דעריבער איז אַ דבר המתאים — אַז שטייענדיק איצטער בתוך השלשים יום קודם חג הפסח (און בסמיכות צו פסח), ווען מ'האָט דעם חיוב פון געבן „מעות חטים" צו עניים,

און אין די שלשים יום גופא — „ביום עשתי עשר יום נשיא לבני אשר", וואָס „הוא יתן מעדני מלך",

18) ראה לקמן הערה 28.

19) ברכות ד, ב. כז, ב. רמב"ם הל' תפלה פ"א ה"ו. טור או"ח ר"ס רלה. שו"ע אדה"ז או"ח סקי"ו ס"ב.

20) לקו"ת סוכות פ, סע"ג. שה"ש כד, ב. ביאורי הזהר לאדהאמ"צ יג, סע"ד ואילך, ולהצ"צ ע' פה ואילך. סה"מ תרס"ח ע' קע ואילך. וראה לקו"ש חכ"ה ס"ע 155 ואילך. וש"נ.

21) בריי"ף לע"י שם (כו, ב) דהפלוגתא אם תפלות אבות תקנום או כנגד תמידין תקנום פליגי אי תפלת ערבית הוי רשות או חובה, דלמ"ד אבות תקנום הוי חובה ולמ"ד כנגד תמידין תקנום הוי רשות. אבל בחי' הצ"צ לברכות (אות ד. וש"נ) שגם למ"ד יעקב תיקן הוי רשות, וכמפורש בזח"א (קלג, א) „ומאי דאתקין יעקב . . איהו רשות" (וראה ביאוה"ז שבהערה הקודמת). וראה גם פנ"י ברכות שם ד"ה בגמ' אתמר וד"ה ומיהו. עיון יעקב לעין יעקב שם.

22) שבת קיח, סע"א ואילך.

23) ראה סה"מ תרס"ח שם. וראה ביאוה"ז לאדהאמ"צ שם (יד, סע"ב ואילך).

24) ע"ח שער (ג) סדר אצילות למהרח"ו פ"ב. פרדס שער ערה"כ בערכו. תו"א ר"פ ויצא. ובכ"מ.

25) עד שהוא המלאך המות שבאדם (אדר"נ ספל"א. וראה גם נזיר נא, א ובתוס' ופי' הרא"ש שם. שו"ת צפע"נ דווינסק ח"א סל"ד) — תכלית העניות.

26) ראה ס' הליקוטים־דא"ח צ"צ ערך יעקב ס"ד. וש"נ.

27) ס"ז.

און אין אַ יאָר ווען מ'הויבט אָן זאָגן דעם קאַפּיטל „עני ואביון אני גו' שמח נפש עבדך",

און אין דעם טאָג גופא – גלייך ווי מ'טרעפט זיך צוזאַמען בתחלת היום, ד. ה. גלייך נאָך תפלת ערבית (רשות), ווען עס הויבט זיך אָן דער „ויהי ערב", וואָס דאָס איז די התחלה[28] (און דאָס איילט) צו דעם „ויהי בוקר", ביז אַז עס ווערט אַ „יום אחד"[29] (מיט אַלע פירושים שבדבר) –

זאָל מען געבן יעדערן אַ דאָלאַר, כדי מ'זאָל דאָס אָפּגעבן צו אַן „עני ואביון" בכדי אַז באַ דעם „עני ואביון" זאָל קענען זיין „נאכל על השובע" בכל הפרטים, און דורך דעם וועט ביי אים אויך זיין שמחה, „שמח נפש עבדך".

און אפילו אויב מ'האָט שוין יענעם פאַרזאָרגט – און זיכער האָט מען אים פאַרזאָרגט – אַז ביי אים זאָל זיין „שובע" אין אַלע פרטים, איז אין „שובע" קיין שיעור ניטאָ[30], ס'קען אַלעמאָל זיין מערער און מערער, ובפרט ווען עס רעדט זיך וועגן דער געוויינהייט פון אַ אידן, אַ בן מלך, ובפרט אַ בן פון מלך מלכי המלכים הקב"ה.

און וויבאַלד אַז אַלע אידן זיינען מחוייב אין די מצוות פון פסח[31], כולל אויך די הכרזה פון „כל דכפין ייתי וייכול כל דצריך ייתי ויפסח" – איז דער ענין (פון געבן אַ דאָלאַר על מנת אַז מ'זאָל דאָס אָפּגעבן אַן „עני ואביון") שייך צו אַלע אידן, אנשים, נשים, ביז אויך תינוקות,

ואדרבה – תינוקות האָבן אַ שייכות מיוחדת מיט דעם „סדר של פסח"[32] און פסח בכלל – כמבואר בכ"מ[33] אַז באַ יציאת מצרים זיינען אידן געשטאַנען אין אַ דרגא פון „נער", ווי אַ קטן, און צוליב דעם איז געווען יציאת מצרים – מצד דער אהבה עצמית פון דעם אויבערשטן (מלך מלכי המלכים הקב"ה) צו אידן ווי זיי זיינען בבחי' „נער" – „נער ישראל (און דערפאַר) ואוהבהו"[34],

בדוגמא ווי די אהבה גדולה ואהבה עצמית וואָס מ'האָט דוקא צו אַ „נער"

---

28) כי במעשה בראשית היום הולך אחר הלילה (חולין פג, סע"א).

29) בראשית א, ה.

30) להעיר ממרז"ל רווחא לבסימא שכיח (עירובין פב, ב. מגילה ז, ב).

31) גם נשים – שאף הן היו באותו הנס – שעל ידם נגאלו (פסחים קח, ריש ע"ב ובתוס' ד"ה היו שם). וגם טף – כדלקמן בפנים.

32) שנקרא „הגדה" על שם „והגדת לבנך" (וראה הגש"פ עם לקוטי טעמים ומנהגים פיסקא „סדר הגדה"), ועושים כמה שינויים וכו' כדי שלא יישנו התינוקות וכדי שישאלו התינוקות (ראה שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס תעב. סתע"א סי"ד־טו. סל"ח. ס"מ. ועוד). ולהעיר ששאלת התינוקות („מה נשתנה") היא לאחרי אמירת „הא לחמא עניא כו' כל דכפין וכו'".

33) ראה סידור שער חג המצות רצ, ג ואילך. מאמרי אדהאמ"צ ויקרא ח"א (דרושים לפסח) ע' רצג. שכא. שלא. ועוד. וראה סה"מ שבהערה 36.

34) הושע יא, א.

כפשוטו, תינוקות בשנים[35] — וכידוע די שיחה (מאמר) בזה פון דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע [וואָס איז געזאָגט געוואָרן בשמחת תורה][36].

ז. ויה"ר אַז כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[37] בגאולה זו (העתידה לבוא), און פונקט ווי דער אויבערשטער האָט דעמולט אַרויסגענומען אַלע אידן פון מצרים (מצד זיין אהבה עצמית צו אידן), וועט ער אויך אַרויסנעמען אַלע אידן פון דעם גלות, „ובני ישראל יוצאים ביד רמה"[38],

און אין אַן אופן פון זריזות, חפזון[39] — לא עכבם אפילו כהרף עין[40].

ובפרט אַז אידן טוען זייער עבודה איצטער (אין די לעצטע טעג פון גלות)[41] אין אַן אופן פון זריזות וחפזון בכל עניני קדושה (וואָס זיינען אַלע אויך ענינים של שמחה[42]), ביז אין אַן אופן פון לא עכבם אפילו כהרף עין,

כולל אין דעם ענין הנ"ל, אַז גלייך באַ דער התחלה פון „ביום עשתי עשר יום" (גלייך נאָך תפלת ערבית, שתיקן יעקב) באופן פון „לא עכבם" — גיט מען יעדער אידן, מאַן, פרוי און קינד, אַ דאָלאַר אויף אַריינברענגען „שובע" און שמחה צו אַן „עני ואביון" (כנ"ל).

וואָס דאָס וועט נאָכמער צואיילן די זריזות וחפזון פון דער גאולה העתידה, ובאופן פון פריצת גדר הזמן (וויבאַלד אַז דאָס קומט דורך דער עבודה פון „שמח"), און „נחלה בלי מצרים", נחלת יעקב (שתיקן תפלת ערבית רשות),

צוזאַמען מיטן בנין בית המקדש השלישי, וואָס ווערט אָנגערופן „בית"[43] (ווייל ער וועט זיין אַ בית נצחי[44]), כנגד יעקב [דער „בחיר שבאבות"[45]], כמאחז"ל[46] „לא כאברהם שכתוב בו הר כו' ולא כיצחק שכתוב בו שדה כו', אלא כיעקב שקראו בית".

---

35) ולהעיר, שגם בזה נראה ב' קצוות הנ"ל: „נער", בדוגמא ל„עני ואביון" (שאין לו כ"כ גילויים דשכל ומדות כו'); ולאידך — דוקא אליו היא האהבה עצמית, „שמח נפש עבדך", והמשכת „מעדני מלך".

36) ד"ה כי נער ישראל ואוהבהו תרס"ו (תרס"ו הוצאת קה"ת ע' תקנ (בהוצאת תנש"א — ע' תקעד) ואילך). וראה גם סה"מ תרע"ח ע' קנט ואילך. תרפ"ב ע' מג ואילך. וראה לקו"ש חכ"א ע' 20 ואילך.

37) מיכה ז, טו. וראה אוה"ת נ"ך עה"פ.

38) בשלח יד, ח.

39) כמ"ש ביצי"מ — מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

40) זריזות ביציאה מן הגלות, אבל הגאולה אח"כ תהי' באופן דבשובה ונחת תושעון (ישעי' ל, טו. וראה אוה"ת בא ע' שה. כרך ח ס"ע ב'תתקמא ואילך. המשך וככה תרל"ז בסופו).

41) שבזה תלוי' הגאולה (תניא רפל"ז).

42) ראה רמב"ם סוף הל' לולב.

43) ראה הנסמן בהערה 46.

44) ראה זהר ח"א כח, א. ח"ג רכא, א.

45) ראה ב"ר פע"ו, א. זח"א קיט, ב. קמז, ב. שער הפסוקים תולדות כז, כה.

46) פסחים פח, א. וראה חדא"ג מהרש"א ועיון יעקב לפסחים שם. — נתבאר בלקו"ש חט"ו ע' 231 ואילך.

ומעין זה – האָבן אידן נאָך אין די לעצטע רגעים פון גלות, כימי צאתך מארץ מצרים ווען "ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם" נאָך זייענדיק אין גלות[47],

און אין אַן אופן פון שמחה וטוב לבב, צוזאַמען מיט בני חיי ומזוני רויחי, רויחי[48] וואָס איז כולל אויך דעם ענין התענוג,

און תענוג וכל ענינים אלו – בפשטות ובפשיטות למטה מעשרה טפחים, אַלס נשמות בגופים בזמן הגלות.

און דערנאָך גלייך גיין טאַנצנדיק צו די הכנות פון חג הפסח כשר ושמח[49],

און צו "זמן חירותנו" – די גאולה האמיתית והשלימה – וואָס קומט נאָך פאַר פסח, ובמילא קומט דערנאָך צו אין דער חירות באופן פון הלך והוסיף ואור, ביז חירות דחה"פ,

ומתוך שמחה וטוב לבב, און אויך אין דעם – הלך והוסיף ואור.

[כ"ק אדמו"ר שליט"א נתן לכל אחד ואחת – אנשים נשים וטף – שטר של דולר ע"מ לתת אותו (או חילופו) לצדקה].

---

47) בא י, כג.

48) להעיר ממרז"ל הנ"ל (הערה 30) רווחא לבסימי.

49) ראה לקוטי לוי"צ – אגרות ע' קצז.